זאגט דער רמב"ם, **בהמות שיוצאות ורועות חוץ לתחום**, וואס גייען ארויס און זיי פאשע'ענען זיך אינדרויסן פון די תחום, אבער ביינאכט קומען זיי צוריק, **ובאות ולנות בתוך התחום**, ביינאכט קומען זיי צוריק לעבן די הויז און זיי שלאפן דארטן. איז דער מענטש ווייסט אז די בהמה וועט זיין דא, ער זעט נישט די בהמה במשך די טאג, די בהמה וואנדערט ארום, אבער ער ווייסט אז די בהמה קומט אהיים, הייסט עס מוכן, ממילא **הולכין אנו**, מען מעג גיין אויפזוכן די בהמה, **ושוחטין אותה ביום טוב**, ווייל דאס הייסט מוכן.

**אבל די בהמות וואס זענען שרועות ולנות חוץ לתחום**, וואס זענען א גאנצע צייט חוץ לתחום, **אפילו אם באו ביום טוב** און זענען אנגעקומען אומיום יום טוב, **אין שוחטין אותן**, ווייל זיי זענען שוין געווען מוקצה, ווייל ס'איז מוקצה, ווייל ער האט דאך נישט געוואוסט אז ער גייט זיי האבן. ווען ער האט געטראכט וואס גיי איך עסן יום טוב, האט ער נישט געטראכט פון די בהמות, ווייל די בהמות זענען דאך נישט אריין. **ואין דעת אנשי עיר עליהן**, דער מענטש וואס וואוינט אין די שטאט, ס'איז דאך אינדרויסן פון די תחום, ער קען דאך נישט גיין אויפזוכן די בהמה. זיי האבן דאך שוין געלערנט אז די תחום איז נוגע יום טוב, איז נישט געווען, הייסט עס מוקצה.

### חידוש: מוכן איז אובייעקטיוו, נישט סובייעקטיוו

דא, לויט דיין חידוש וואס דו האסט מחדש געווען, פארשטייט נישט. פארוואס למשל די זאך אז ס'איז חוץ לתחום? ממילא ס'האט אריינגעוואקט אויף יום טוב, ס'איז נישט מוכן, ס'איז נישט מוכן, ס'איז נישט מוכן, ס'איז חוץ לתחום. אקעי, ווייל דו האסט געטראכט, איך מיין צו זאגן, איך וויל זאגן לאמיר זאגן קלאר ביי יענער קעיס, אויב א מענטש וועט טראכטן, "אם מחר יבא לתוך התחום הרי אני רוצה לאכול", וועט נישט העלפן, פארשטייסט? ווייל ס'דארף זיין אמת'דיג מוכן, אזוי טראכט איך. איינער וועט האבן בעסערע ראיות, קען זען מער פרטים אין די גמרא'ס און מפרשים, אפשר מיר רעדן נישט צו סתם. איך זאג נאר פון וואס ס'זעט אויס.

### הלכה ג: בהמת קדשים שנולד בה מום ביום טוב

**וכן**, זאגט דער רמב"ם אזא הלכה: **בהמת קדשים שנולד בה מום ביום טוב.** א בהמה וואס איז קדשים, א בהמה למשל וואס ער האט מקדיש געווען, איז ווי לאנג ס'איז קדשים האט ער דאך נישט געטראכט אז ער גייט קענען שעכטן די בהמה, ווייל ס'טאר דאך נישט עסן, ס'איז קודש, ער גייט עס דארפן ברענגען פאר א קרבן. אבער ס'איז געשען נולד בה מום ביום טוב, אום יום טוב איז געשען א מום, און איינמאל ס'איז געשען א מום מעג מען שוין יא עסן, מען דארף ברענגען אן אנדערע בהמה אנשטאט דעם אדער וואטעווער, די בהמה וועט מען שוין נישט ברענגען פאר הקדש. אבער היות אז די מום איז געשען אום יום טוב, הייסט עס ווייטער מוקצה. פארוואס? **היתה דעתו עליה מערב יום טוב?** היות ערב יום טוב האט ער נישט געטראכט אז ער גייט עס קענען עסן, ווייל ס'איז דאך נאכנישט געווען קיין מום. און צו גורם זיין א מום בידים טאר מען דאך נישט. האט ער דאך נישט געקענט טראכטן אז דאס גייט ער האבן. ממילא איז עס מוקצה, **אסור לשוחטה ביום טוב.**

### אסור לראות מומי קדשים ביום טוב

**לפיכך**, זאגט דער רמב"ם, קומט ארויס אן אינטערעסאנטע הלכה אזוי: **אסור לראות מומי קדשים ביום טוב.** מ'טאר נישט, וועגן דעם איז דא א הלכה אז מ'טאר נישט באטראכטן. ס'איז דא א הלכה אז אויב א איד האט א בהמה וואס האט א מום, דארף א פוסק עס פסק'ענען. מומין איז נישט אזא פשוט'ע הלכה. איך געדענק אין די גמרא אז רב איז געווען א לאנגע צייט, איך געדענק נישט די אמאונט פון צייט, לערנען הלכות מומין. סאו, מ'גייט צו א רב וואס זאל פסק'ענען. אויב ס'איז א מום וואס מ'דארף באטראכטן, אזא מום וואס איז בארדערליין, ס'איז א ספק צו ס'איז א מום, טאר מען נישט באטראכטן ביום טוב. פארוואס? די גזירה איז אזוי: אונז האבן דאך געלערנט אז אזא בהמה וואס ס'איז געשען א מום ביום טוב איז מוקצה. איז האב איך מורא, **גזירה שמא יתירנה החכם במומה**, דער חכם גייט מתיר זיין און זאגן, "יא, דאס הייסט א מום", **ויבוא זה לשוחטה בו ביום.** דער מענטש גייט נישט וויסן די הלכה אז היות ערב יום טוב...

די ווארט דא איז אזוי, דא רעדט מען אפילו לאו דווקא ווען דער מום איז געשען ביום טוב, אפילו ס'איז געשען ערב יום טוב, אבער די קביעות אז דאס הייסט א מום, די קביעת ההוראה פון דעם חכם אז דאס הייסט א מום, איז געשען אין יום טוב. ערב יום טוב האט ער דאך נישט געוואוסט. איך ווייס נישט אויב דאס הייסט נישט מוכן וועגן דעם, אבער די קעיס איז, אין זיין קאפ איז עס געווען מוקצה מדעתו, ווייל ס'איז א בהמה וואס איז נישט מותר. דו וועסט באלד זען די נעקסטע הלכה אז ס'איז נישט ריכטיג.

אבער איך מיין אז די ריזן, דער חכם וואס טאר נישט קוקן א מום, ער רעדט ווייל אסאך מאל איז יא געשען די מום אין יום טוב. ער ווייסט דאך נישט צו ס'איז געשען אין יום טוב אדער ערב יום טוב. ווייל קוק די נעקסטע הלכה. אקעי, לאמיר זען.

### רואה את המום ערב יום טוב — מותר למחר להתיר

**אבל רואה הוא את המום ערב יום טוב.** אויב ס'איז שוין דא ערב יום טוב א מום, מעג דער חכם באטראכטן דעם מום ערב יום טוב, און ער קען אויך מחליט זיין. ער קען אויך זיך מעיין זיין, ארויסנעמען אלע תשובות ספרים, און במשך די יום טוב מעיין זיין. **ולמחר**, מארגן קען ער מחליט זיין צו ס'איז מותר אדער אסור, די עיקר ווארט מותר. מארגן מעג ער עס יא מתיר זיין, ווייל היות ער האט שוין געזען די מום ערב יום טוב, דא מאכט עס סענס, ווייל דער מענטש האט שוין געטראכט אז די שאלה איז שוין, די בהמה איז נישט מוקצה פולי מדעתו. ער האט געוואוסט אז דער דיין דארף עס נאך קובע זיין, אבער ס'איז נישט געווען מוקצה מדעתו.

איך ווייס נישט, איך ווייס נישט. ווען דער דיין האט עס נאכנישט געטראכט ערב יום טוב, איז עס נאך געווען מוקצה מדעתו. איך מיין אז דאס איז א

פשוט'ע וועג פון עס אפלערנען. ווען דער דיין האט עס שוין באטראכט, איז שוין, דער מענטש טראכט שוין אז ס'איז זייער מעגליך אז דער פסק גייט צוריקקומען אז ס'איז כשר. איך זע נישט וואס איז דער הכרח צו מאכן דעם חידוש, אז אויב דו ווייסט נישט אויב ס'איז א מום איז עס א כשר. אבער וואס זיי האבן געלערנט איז אז אויב ס'איז נולד געווארן די מום יום טוב איז א פראבלעם.

יעצט, רעדט זיך אז וויבאלד אסאך מאל ווען דער רב קומט אין יום טוב ווייסט ער דאך נישט אז ס'איז נולד געווארן יום טוב, אסאך מאל איז נולד געווארן יום טוב, און דעמאלטס יבוא לישועה ביום. דער איסר גלייבט אויף דער רב, וואס טוט זיך מיט דער מענטש? א נייע איסר, א נייע איסר, א נייע איסר. דער מענטש קען זיך זאגן פאר דעם מענטש, דאס איז שוין געשען נעכטן. ס'וועט אויס אז ס'וואלט אויס נישט געהאלפן. נישט אלעס גייט מען מיר זאגן. גזירות גייט אויף ווען דער רב איז אן קאל, ווען מ'קאלט, קאלט אים יום טוב, אסאך מאל איז א נסיון וואס איז געשען אין יום טוב. איז דער רב זאגט, איך קום נישט יום טוב. יום טוב קומט ער נישט.

פארקערט, פון די נעקסטע הלכה לערן איך פארקערט, אויב ס'איז שוין געווען, ער האט געקוקט יום טוב, ס'איז נישט קיין איסור. דאס וואס אויב די בהמה האט שוין געהאט די מום, הגם דער מענטש האט נישט געוואוסט צו ס'איז א מום, ס'קען זיין אז ס'איז א מום עובר, ס'קען זיין אז ס'הייסט נישט קיין מום וואס איז מתיר, איז עס יא מותר, ווייל די בהמה איז געווען מותר אפילו דער מענטש האט נישט געוואוסט. מ'דארף נישט צולייגן, איך זע נישט קיין רעכנעך, מ'קען טראכטן, אבער איך זע נישט רעכנעך, איך זע נישט רעכנעך, פארוואס? ס'זעט מיר אויס אביסל מער גלאט, ווייל אלעס גייט מיט מוכן. ס'קוקט מען נאר די עיקר איז די ווארט מוכן. מוכן מיינט אז דיין האט נאכנישט געטראכט, און ס'איז נאכנישט געווען מוכן מיט דיין. אבער די נושא איז דא נישט וואס מ'האט געמיינט. ס'איז נישט דא כמעט קיין מוכן וואס דו האסט געמיינט. ס'איז אלעמאל וואס איז אמת'דיג מוכן, אדער וואס דו האסט... ס'איז דא חילוקים, אויב דו ביסט מייחד לאכילה, א זאך וואס א מענטש קען טשוזן, אבער איך האב נישט געטראפן נאכנישט קיין איין מוכן וואס איז תלוי וואס דו מיינסט.

אקעי, זייער גוט. ווארט, שוין, זאגט דער רמב"ם אזא הלכה.

**הלכה ד: בכור שנולד במומו**

ואם עבר, א שטיקל, בכור שנולד, א שטיקל. אה, איך בין סארי, איך בין נישט. מיר האבן געלערנט יעצט וועגן א בהמה פון הקדש. יעצט אן אנדערע זאך. א מענטש האט געהאט א בהמה וואס האט געבוירן א בכור, א גרויסע שמחה, און א בכור פון א בהמה דארף מען דאך געבן, בכור והמעשר והפסח קדשים קלים, דארף עס געבן פאר די כהן. אבער אויב ס'איז געבוירן געווארן מיט א מום, מעג מען עס עסן. די בעלים מעגן עס עסן? יא, ס'איז יוצא לכל. יא. היות ס'איז געבוירן געווארן מיט א מום, איז גלייך ווען ס'איז געבוירן געווארן האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'האט נישט קיין קדושת בכור, איז **הרי זה מוכן**, איז עס יא מוכן.

אבער נאך אלץ **ואסור. וראה זה מוכן, אבער ואין מבקרין עושה ביום טוב.** אויב איז דער מום נישט קיין זיכערער מום, און מ'דארף מאכן די ביקור, איז דאך דא די הלכה אז מ'מאכט נישט קיין ביקור מומים ביום טוב. אבער אויב דער דין האט נישט געפאלגט, **וראה מומו**, ער האט יא באטראכט יום טוב, **ובקרו**, און ער האט געמאכט די ביקורות, ער האט געמאכט די אונטערזוכונג ווער טורו האט מעטר געווען.

**הלכה ד (המשך): בכור שנולד במומו — מוכן אבער אין מבקרין ביום טוב**

**זאגט דער רמב"ם: בכור שנולד ומומו עמו — הרי זה מוכן, ואין מבקרין אותו ביום טוב. ואם עבר וראה מומו וביקרו והתירו — הרי זה שוחט ואוכל.**

אה, סארי, אנטשולדיגט. מיר האבן געלערנט יעצט וועגן א בהמה פון הקדש. יעצט אן אנדערע זאך. א מענטש האט געהאט א בהמה וואס האט געבוירן א בכור, א גרויסע שמחה. און א בכור פון א בהמה דארף מען דאך געבן, א בכור ומעשר ופסח, קדשים קלים, דארף מען עס געבן פאר די כהן.

אבער אויב איז געבוירן געווארן מיט א מום, מעג מען עס עסן, די בעלים מעגן עס עסן, יא, ס'איז יוצא לחולין. יא, איז היות ס'איז געבוירן געווארן מיט א מום, איז גלייך ווען ס'איז געבוירן געווארן האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'האט נישט קיין קדושת בכור, איז הרי זה מוכן, איז עס יא מוכן.

אבער נאך אלץ ואסור. הרי זה מוכן, אבער ואין מבקרין אותו ביום טוב. אויב איז דער מום נישט קיין זיכערער מום, און מ'דארף מאכן דעם ביקור, איז דאך דא די הלכה אז מ'מאכט נישט קיין ביקור מומין ביום טוב. אבער אויב דער דיין האט נישט געפאלגט, וראה מומו, ער האט יא באטראכט יום טוב, ובקרו, און ער האט געמאכט די ביקורות, ער האט געמאכט די אונטערזוכונג ווער טורח האט מתיר געווען, בדיעבד העלפט עס יא, הרי זה שוחט ואוכל.

**חידוש: פארוואס ברענגט דער רמב"ם א באזונדערע הלכה פון בכור?**

אה, דו זעסט די זאך. קלאר. פארוואס מאכט ער א נייע פאל פון בכור? פארוואס זאגט ער עס שוין פריער אויף דעם בית המקדש? ס'איז א נייע חידוש אז מומו עמו הייסט מוכן.

ס'קען זיין אז ער איז געבוירן א מום אין יום טוב דרך אגב. אפשר איז ער נולד אין יום טוב, אבער ער איז קיינמאל נישט געווען נישט מוכן. מ'ווייסט נישט. ניין, מוכן אגב אמו. האט איך פריער געזאגט אז ווען ס'איז דא א בהמה וואס ווערט געבוירן און די מאמע איז געווען ראוי צו עסן, איז עס אגב אמו.

נאר ער האט נישט געוואוסט אז ס'גייט געבוירן ווערן מיט א מום אדער אן א מום. אויב ס'וואלט געבוירן געווארן אן א מום, וואלט עס ווייטער געווען אסור, ווייל אזוי איז א חילוק אין מסכת. אבער יוסף איז געבוירן געווארן מיט א מום, איז אין הכי נמי אז מ'טאר נישט לכתחלה מבקר זיין.

אבער אויב ער האט מען עובר געווען, איז פשט, שטעלט זיך ארויס אז גלייך ווען ס'איז געבוירן געווארן איז שוין געווען א מום וואס איז פסל'ט עס בכל לכאורה, ממילא בדיעבד א רייזע שוחט ואוכל ווייל ס'הייסט נאר מוכן. הגם אז דער מענטש האט נישט געוואוסט גארנישט פאר יום טוב. איז אזא זאך.

**הלכה: בכור שנפל לבור — עושה לו פרנסה במקומו**

זאגט דער רמב"ם, בכור, דער בכור האט מען דאך געשמועסט, איז מוקצה. וואס טוט זיך אזא בהמה איז מוקצה? ס'איז אין א הפסד, א מצב פון הפסד.

**בכור שנפל לבור.** אזא ערליכע זאך צו דעם האבן מיר געלערנט אין הלכות שבת. בכור שנפל לבור, און בכור וואס איז ארייננגעפאלן אין בור, טאר ער נישט, די בהמה איז דאך מוקצה, ער טאר נישט גיין און ארויסשלעפן די בהמה.

וואס מעג מען יא טון? **עושה לו פרנסה במקומו.** ער זאל מאכן פרנסה פאר די בכור, ער זאל אים ברענגען עסן אין די בור. **שהרי אין נכון להעלותו, מפני שאינו ראוי לשחיטה ביום טוב.** ס'איז דאך נישט ראוי לשחיטה ביום טוב, ממילא הייסט עס מוקצה, טאר ער אים נישט ארויפשלעפן.

אבער דאס יא, מ'מעג אים יא טון פרנסה במקומו. דאס איז א היתר. וואלט מען אפשר געטראכט אז איך הייס איך מטריח פאר א מוקצה אדער וואס? מ'מעג ווייל ס'איז א צער בעלי חיים. ער גייט אויספירן. ניין, די נעקסטע זאך זאגט ער אים גייט אן. אקעי, לאמיר זען. שוין, זאגט דער רמב"ם, אותו... ניין, איך ווייס נישט צו... ער זאגט נישט קלאר. אדער וועגן אפשר, אדער וועגן צער בעלי חיים, נישט זיכער.

**הלכה: אותו ואת בנו שנפלו לבור — משום צער בעלי חיים התירו להערים**

ווייטער, **אותו ואת בנו.** ס'איז דא אן איסור אין די תורה אז מ'טאר נישט שעכטן א בהמה מיט די קינד פון די בהמה, אותו ואת בנו, אין איין טאג. איז דאך איינס פון זיי זיכער נישט ראוי, מ'קען שעכטן איינער פון זיי.

וואס טוט זיך **אותו ואת בנו שנפלו לבור?** וואלט א מענטש געקענט זאגן, אז דו מעגסט נאר ארויסשלעפן איינעם. אבער ס'איז דא א חידוש אין די

חכמים אז מ'מעג יא ביידע ארויסנעמען. **מעלה את הראשון,** מאכט ער אזא טריק. ער נעמט ארויף די ערשטע בהמה וואס ער טרעפט, ער שלעפט אים ארויס **על מנת לשוחטו,** אבער ער שעכט אים נאך נישט, ער האלט עס נאך. ווייל אויב וואלט ער עס ווען געשחט'ן, וואלט ער שוין נישט געטארט ארויסנעמען די נעקסטע. ער האלט אים לעבעדיג. **ומערים,** און ער מאכט א קונץ, ער מאכט אן ערמה, און ער זאגט, "אה, דו ווייסט וואס? ס'געפעלט מיר מער די צווייטע." ער מעג נאר שעכטן איינע פון די צוויי. ער נעמט ארויף די ערשטע און זאגט, "אה, ס'שמעקט מיר מער די אנדערע." **ומעלה את השני על מנת לשוחטו.** נאכדעם קען ער טאקע טשוזן, **לשחוט את איזה מהם שירצה.**

**קשיא: וויאזוי מעג מען מאכן אן ערמה ביום טוב?**

איי, וויאזוי מעג מען מאכן אן ערמה? מיר האבן פריער געלערנט אז יום טוב האבן די חכמים זייער מחמיר געווען מיט ערמה. וועלכע ערמה האבן מיר פריער געלערנט? אויב מען מאכט אן ערמה פון קאכן מער פאר געסט אדער אזא זאך, דעמאלטס איז עס אסור בדיעבד.

אבער דא האבן יא מתיר געווען צו מאכן אן ערמה. פארוואס? **משום צער בעלי חיים התירו להערים.** וועגן צער בעלי חיים האבן די חכמים יא מתיר געווען צו מאכן, ווי לאנג ס'איז נישט אן אפענע גראבע מוקצה, ס'איז אן דעם די היתר, די טריק פון ערמה, האבן די חכמים מתיר געווען.

ס'איז דא די צייכן ס"ל, אויך אין הלכות שבת זעען מיר אז ס'איז דא היתרים צו ראטעווען א בהמה פון מקום צער בעלי חיים, זאכן וואס בדרך כלל טאר מען נישט ארויפגיין אויף א בוים, אדער מ'טאר זיך נישט מטריח זיין, מ'מעג יא מבטל זיין כלים מהכנם, מעג מען אריינטראגן כרים וכסתות אין די גרוב. צער בעלי חיים איז אן אנדערע זאך.

אקעי, מ'דארף וויסן אז דאס איז די זעלבע זאך. ס'איז אינטערעסאנט אז משום צער בעלי חיים גייט מען אים שעכטן, יא? אקעי, שעכטן איז לא נברא אלא לשם שחיטה, אבער ליגן אין די באר צוקוועטשט... דאס הייסט, איינע פון זיי גייט מען שעכטן, רייט? אבער מ'איז משום צער פון די צווייטע, כאילו.

**חילוק צווישן שבת און יום טוב**

און אויך צער פון דעם, ס'איז מסתמא די שעכטן איז נישט דוקא א צער, לכך נבראתו, אבער ליגן בצער איז לכאורה א צער. ס'איז אינטערעסאנט. אין הלכות שבת רעדט מען נישט פון שעכטן, מ'רעדט פון אריינווארפן זאכן אז ער זאל קענען... דאס איז דער חילוק. דארט רעדט מען נישט אז מ'גייט שעכטן, סאו מ'דארף טרעפן אנדערע עצות.

יום טוב קען מען שעכטן, סאו כאילו האסטו א ריזן אז ס'איז מתיר זיין מיט הילדות, ווייל מ'קען עס שעכטן. שבת איז סתם אזוי אסור צו האלטן צוזאמען בהמות, רייט? יום טוב איז נישט אסור ווייל מ'קען עס שעכטן. אבער מ'קען שעכטן ביידע, קומט אריין די אלע...

אבער אונטערוועגנס צו הרג'ענען הייסט נאך אלץ... ס'איז דא דער דין אז א מענטש וואס מ'געבט אים אן עונש, געבט מען אים לבונה צו בארואיגן די צער בעלי חיים. ער גייט שטארבן, אבער אין די מינטיין זאל ער נישט האבן קיין יסורים.

**הלכה: בהמת חולין שנפלה מן הגג — שוחטין ותיבדק**

**בהמת חולין שנפלה מן הגג,** אזא הלכה. א בהמה וואס איז חולין, ס'איז רועה, אבער ס'איז אראפגעפאלן פון די דאך. איז יעצט די שאלה צו ס'איז געווארן טריפה, צו די אינערליכע איברים זענען געווארן טריפה. איז קען מען דאך עס נישט יעצט... איז עס יעצט אפשר נישט ראוי לשחיטה, נישט ראוי לאכילה, ווייל אויב מ'גייט עס שעכטן און מ'וועט זען צובראכענע ביינער, צובראכענע איברים, וועט עס זיין טריפה, והרי צריכה בדיקה.

איז די הלכה אז מ'מעג יא שעכטן, **שוחטין אותו ביום טוב.** מ'זאגט נישט אז אלס ספק מוקצה, ווייל אויפ'ן צד אז מ'גייט נישט קענען עסן די פלייש, טאר מען עס נישט שעכטן. און מ'מעג עס יא שעכטן **ותיבדק.** פארוואס? ווייל **אפשר שתמצא כשרה ותאכל.** די היתר צו זיך מטפל זיין משום אוכל נפש איז נישט נאר ווען ס'איז זיכער אז מ'גייט עס מעגן עסן, נאר אויך אפילו ווען ס'איז דא אזא טשענס.

**שייכות צו הלכות טריפות**

אויב דאס איז געבויט אויף אזא ערליכע הלכה, אז אויב ס'איז שייך צו עסן דערפון אביסל, מעג מען... אה, ביי מסוכנת. אבער דא זעט ער, דאס איז לכאורה געבויט אויף עפעס א הלכה אין הלכות טריפות, אז א בהמה שנפלה מן הגג, טאר מען... דאס הייסט, געוועגליך טריפות איז מען נישט בודק, נאר די וואס זענען מצוי. די ראיה איז בודק לויט וואס ס'שטייט אין הלכות טריפות. נישט יעדע טריפה דארף מען בודק זיין.

אבער ס'איז געפאלן פון א דאך, איז דאך א חיוב אז מ'דארף עס בודק זיין. ממילא האסטו געטראכט אז ס'ווערט עפעס א נייע, גרעסערע חשש ספק, אז אויף דעם זאגט מען ניין. אז ער איז בודק, און על הצד, אזוי זאגסטו, מ'קען עס שעכטן אפילו על הצד אז ס'קען דאך זיין אז ס'וועט נישט זיין. ווייל אפשר וועט זיין אוכל נפש. רייט.

**מנהג: שעכט נישט קיין בהמות יום טוב**

יא. ער ברענגט, ס'איז אינטערעסאנט אז דער שולחן ערוך הרב זאגט אז דער מנהג איז בכלל, שעכט בכלל נישט קיין בהמות יום טוב, ווייל מ'איז יא חושש שמא ימצא טריפה. ס'איז אינטערעסאנט. ווייל ס'איז דא אנדערע שיטות, זעט אויס אז זיי זענען מחמיר אויף די הלכה. זיי זאגן אז ניין, מ'דארף יא. אויב ס'איז מצוי די טריפה... אדרבה, מ'האט דאך געזאגט קלאר אז מ'מעג יא שעכטן, ווייל ס'איז פרישער, ס'איז בעסער ווי מ'האט עס געשאכטן בו ביום. יא, מ'מעג... אינטערעסאנט, רייט. אבער אפשר וועגן די שאלה פון טריפה איז א נייע שאלה. יא.

לכאורה, די ווארט פון אוכל נפש איז נישט אז א מענטש זאל יעצט זיין אין פרעשור צו יעדע קניידל גייט ווערן געגעסן. מען קאכט מיט א ברייטקייט. ס'איז דאך געווען אזוי קלאר, אפילו אויב ס'בלייבט איבער מעג מען. ס'איז אמת. אבער איך ווייס טאקע נישט. ס'איז א פאני ספק. וואס ווייל איז דער ראב"ד אויפ'ן פלאץ? ניין, דער ראב"ד איז דא אויף די פריערדיגע גארנישט. איך וויל גיין ווייטער.

**טעם: פארוואס מ'טאר נישט בודק מומין ביום טוב**

האט דער רב דארטן אנגערופן די הלכה אז אונז טראסטן נישט די בדיקה פון בדיקת מומין ביום טוב, ווייל שמא משום שמחת יום טוב וועט ער זוכן צופאכלען. ניין, ער רעדט פון די ריזען פארוואס מ'טאר נישט בודק זיין מומין ביום טוב.

**הלכה ה: עופות — מוכן און מוקצה**

שוין, ווייטער, וואס איז מוקצה און וואס איז מוכן? זאגט דער רמב"ם אזוי: **אווזין ותרנגולין...** יעצט האבן מיר געוועון לערנט וועגן עופות. ס'גייט אזוי ווי אלע סארטע בהמות, בהמות, עופות, נאך די פיש, און נאך זאכן.

**אווזין ותרנגולין.** קאטשקעס און טשיקענס און פייגלעך **שבבית,** אנדערש ווי שובך וואס אונז האבן געלערנט, דאס איז די מוקצה. די זאכן זענען יא מוכנים, **אינן צריכים זימון,** ער דארף נישט אנגרייטן פאר שבת, אויטאמאטיש הייסן זיי שוין זומן.

אבער **יוני שובך,** אבער פייגלעך וואס זיי לויפן ארום אין די שובכים, אין די ספעציעל הייזעלעך וואס מ'בויעט אין די חצר, אדער **יוני עלייה** פייגלעך וואס פליען ארום העכער די הויז, אין די בוידעם, אדער **ציפורים וואס מאכן קנים,** וואס מאכן נעסטן **ובטפיחין.** וואס איז א טפיח ווייס איך נישט. תפיחה איז עפעס אזא זאך. ס'איז דא א זאך וואס הייסט א תפיחה. ס'איז זיכער א זאך, די שאלה איז וואס פאר א זאך. עפעס איז א כלי חרס, ס'איז א געוויסע כלי וואס מ'גרייט אן פאר ציפורים זאלן דארטן מאכן אייער. אבער די ווארט איז נישט כדי מ'זאל עס נוצן, נאר ס'איז עפעס אן אנדערע ריזן. ס'איז נישט מוכן לאכילה, ס'איז אז זיי זאלן לייגן אייער, ס'איז א קן, שקננו, ווען מ'גרייט זיך אן זאלן מאכן אייער. מ'עסט נישט דירעקט פון דארט, דאס איז די חילוק.

אויב **בבירה**, אדער וואס זיי מאכן קנים אין די בירה, **אין א מגדל, שורה תיבה ומגדל.** בירה איז א בנין, בירה מיינט א בנין, נישט א מגדל. בירה איז אלעמאל מיינט א בילדינג, און אין גרויסע פלאץ. מ'מיינט נישט האבן א קליינע בילדינג, אדער א בילדינג געמאכט פאר פייגעלעך. ניין, אפשר אין די בילדינג איז דא... אין ערגעץ האבן זיי געמאכט. איך ווייס נישט, בירה מיינט געווענליך א גרויסע בילדינג. אזוי געדענק איך, בירה איז... "ראה בירה דולקת" מיינט א פאלאץ, יא, א פאלאץ, א גרויסע בילדינג. אויך אין הלכות צידה האבן זיי געווען בירה.

יא, אבער על כל פנים, די זאכן איז נישט געמאכט אויף צו עסן, נאר געמאכט זאלן... מ'דארף זיי נאך האבן, זאלן נאך לעבן, זאלן מאכן מער און מער אייער. ער איז איינער מוקצה, ווייל ער האט נישט געטראכט פון זייער עסן.

**אופן פון זימון**

אבער ס'איז דא אן איינציגערע צווישן זיין מיינד, און יא, קען ער נעמען פון זיי. **צריך לזמן בערב**, דארף ער זיי מזמן זיין, איינלאדענען, ובערב זאגן, איך וויל דיר ערוויטן, איך וועל דיר מארגן עסן. **ולאמר אלו ואלו אני נוטל**, ער דארף זיין ספעציפיש. ער קען נישט זאגן, אלע יונות שובך, אפשר וועל איך נעמען פון זיי. ס'העלפט נישט. ער דארף זאגן, ער דארף זיין א ספעציפיש זימן. ער דארף זאגן **אלו ואלו אני נוטל.**

אבער **ואינו צריך לנענע**, ער דארף נישט ממש... ער דארף נישט מאכן א גאנצע צערעמאניע פון ממש זומן. ס'איז אזא זאך ווי ענליך אפשר וואס מ'האט געלערנט ביי סוכה, ביי תעשה ולא מן העשוי, מיט דעם הייבט מען עס נישט אויף. אנגרייטן. סאו מ'דארף עס נישט אנגרייטן בידים, אבער ס'איז אויך נישט גענוג סתם חייו פון א בליק.

**ספעציפישקייט פון זימון**

**ולא יאמר אלו ואלו אני נוטל** — ער דארף זיין ספעציפיש. ער קען נישט זאגן "אלע יוני שובך אפשר וועל איך נעמען פון זיי" — ס'העלפט נישט. ער דארף זאגן, ער דארף זיין א ספעציפיש זימון, ער דארף זאגן **אלו ואלו אני נוטל.**

**אבל אינו צריך לזמן** — ער דארף נישט ממש... משמחין עניים, ער דארף נישט מאכן א גאנצע צערעמאניע פון ממש זימון. ס'איז אזא זאך ווי ענליך אפשר וואס מ'האט געלערנט ביי סוכה, ביי תעשה ולא מן העשוי, מיט דעם הייבט מען עס כביכול אויף. אנגרייטן. ניין ניין ניין, מ'דארף עס נישט אנגרייטן בידים, אבער ס'איז אויך נישט גענוג סתם איך יאג מיר א בליק און זאגן, אה, איך גיי זיי נעמען. ניין, ער דארף זאגן אלו ואלו, די וויל איך.

**שאלות אין זימון**

שוין, יעצט, איינמאל וואס מיר האבן געלערנט די הלכה אז ס'דארף זיין זימון, הייבט זיך אן שאלות, אזוי ווי כמיטב מסורת פון חז"ל, אז וווען ס'איז דא א... קען אייביג טרעפן אינטערעסאנטע שאלות.

**שחורים על לבנים — ספק מוכן**

וואס טוט זיך? ס'איז דאך מיט דעם מצוי, אבער די... וואס טוט זיך אז ער האט מזמן געווען אלו ואלו, אבער ער האט מזמן געווען שחורים על לבנים? ס'טייטש, ער האט שובכים וואו ס'דרייען זיך שווארצע פייגעלעך, און ס'איז דא ווייסע. ער טרעפט די נעקסטע טאג, אז דארטן ווי ער האט געטראכט פון די שחורים איז ליגן לבנים, אדער לבנים מקום שחורים, איז פשט אז ער האט נישט זיי מזמן געווען. ס'זענען אנדערע פייגעלעך וואס ער האט מזמן געווען. ס'העלפט נישט. מ'זאגט נישט אז ער האט מזמן געווען פינף פון די פופציג פייגעלעך. ס'ארבעט נישט אזוי. ס'דארף זיין די ספעציפיק וואנס, און זיי זענען אלע אסורים, ווייל די וואס ער האט מזמן געווען איז נישט דא.

**שאני אומר, שמא אותן שזימן פרחו להם.** מ'זאגט נישט אז זיי האבן פשוט געטשעינדזשט זייער פלאץ. מ'קען נאר זאגן אזוי, מ'קען זאגן אז ס'איז די זעלבע שחורים און לבנים ווי נעכטן, נאר זיי האבן זיך... זיי שפילן געימס מיט דעם מענטש. זיי האבן זיך געכאפט, זיי האבן געטוישט זייער באנק, זייער בעטן, אויסצושפילן די מדריך, און ס'זענען די זעלבע. ניין, מ'זאגט נישט אזוי. מ'זאגט, מ'איז חושש שמא. אפשר, ער זאגט ספק, ס'האט מיר די כלל פון ספק מיר. מ'מאכט **שמא אותן שזימן פרחו להם ואלו אחרים הן. כל ספק מוכן אסור.**

מוקצה, דאס הייסט נאך אלץ מוקצה. מוכן מיינט ווען ס'איז ממש מוכן. אבער ווען ס'איז א ספק מוכן, ס'איז נישט זיכער אז ס'איז מוכן, הייסט עס נאך אלץ מוקצה.

אינטערעסאנט, הגם די גאנצע איסור איז דרבנן, איך האב געטראכט, ס'איז נישטא ספיקא דרבנן. נאר דאס טייטשט נישט מוכן. מוכן מיינט ווען ס'איז ממש מוכן, אבער ווען ס'איז נאר ספק מוכן...

איך ווייס נישט אזוי גוט די מציאות, ווייל ווען... ווען ער האט מזמן געווען אלע איז דאך נישט די שאלה, אדער ווען ס'איז דא א סימן איז דאך נישט די שאלה. ער האט א באלדזש, און ס'קען זיין אנדערע. איך פארשטיי, די פייגלעך, ס'איז מגדל דארט די פייגלעך צוביסלעך, ס'איז אפשר מסודר, ס'איז נישט עפעס איגאנצן נישט מסודר. מ'קען טרעפן געווענליך וועלכע ס'איז.

אזוי ווי זיי האבן געלערנט, דאס איז אויך, אונז זענען אלע צוגעוואוינט אז מ'קען זאגן וועלכע איך וועל טרעפן. דאס איז אזא שאלה פון ברירה. פארוואס קען מען נישט זאגן דארט אז דאס האט ער געמיינט? איך ווייס נישט צו מ'קען. יא, ער זאגט אז ס'איז דא געוויסע וואס זענען מער מוכן, ס'איז שוין אלט, ער וויל דארט איז מען מגדל, ווען ס'וועט דרייט שעכט מען עס, אדער וואטעווער. ס'זעט אויס פון די אלע קעיסעס אז ס'דארף זיין זייער דירעקט, און אז ס'איז נארמאל, און מ'קוקט וועלכע זענען רעדי, וועלכע מ'וויל, און מ'קוקט וועלכע זיי ווילן.

**זימן שנים ומצא שלשה / שלשה ומצא שנים**

די זעלבע זאך, **זימן שנים**, ער האט אינווייטאד צוויי, ער האט מזמין געווען אז ער גייט נעמען די צוויי פייגלעך, **און ווען ער קומט דערצו ומצא**, וועט ער טרעפן אין די שובך **שלשה.** איז וואלט מען ווען געקען טראכטן אז ער קען נעמען צוויי פון די דריי, אבער ניין, אויך **הכל אסור** זענען אלע אסור. פאר די זעלבע סיבה, ווייל ס'איז א ספק, אפשר איז עס נייע, אפשר זענען די צוויי אוועקגעפלויגן און ס'איז געקומען דריי נייע.

אבער פארקערט, אז **שלשה מצא שנים** איז דאך יא מער פשוט, אז איינע פון זיי איז פשוט אוועקגעפלויגן, און מ'זאגט נישט אז אלע דריי זענען אוועקגעפלויגן איז צוויי נייע.

**הלכה ו: זימן מתוך הקן ומצא לפני הקן**

וואס טוט זיך **זימן מתוך הקן**? ער האט געמאכט זימן, ער האט אנגעגרייט וועלכע פייגלעך צו נעמען אין די קן. **ומצא לפני הקן**, זעט ער נישט זיצן אויף די קן, נאר לעבן די קן. איז **אם אין שם קן אלא הוא**, אויב איז דאס דער איינציגסטער קן, **ואינו יכולים לפרוח**. ס'איז נישט דא קיין אנדערע קן אין די געגנט. און זיי קענען נישט... און זיי זענען פייגלעך וואס פליען נישט. **אפילו יש שם קן אחר בקרן זוית בתוך חמשים אמה.** קן אחר, נאך איינס, ערגעץ. אן אנדערע אבער ווייט אוועק. אבער זיי זענען נישט גענוג, קענען נישט פליען אזוי ווייט. די פייגלעך זענען, לאמיר זאגן, בעיבי פייגלעך אדער וואס. און איז אזוי, ס'איז דא א מעגליכקייט, אפשר האבן זיי... טשיקנס, זיי קענען נישט פליען, יא? רייט, טשיקען סטשאפ פאר אים.

זאגט מען נישט אז אפשר האבן זיי געלאפן מיט קראטשעס און מדדה געווען און ארומגעלאפן. מ'זאגט נישט אזוי, נאר מ'זאגט אז ס'איז יא די זעלבע, ווייל היות אז זיי פליען נישט אזוי איזי, זאגט מען אז דאס איז **שאינו מדדה אלא כנגד קינו.** ווען טשיקענס דארפן שפרינגען, שפרינגען זיי נישט ווייט, שפרינגען זיי אלא כנגד כינו. זאגט מען אז דאס איז טאקע די עול וואס ער האט אנגעגרייט, ס'האט פשוט געטוישט אביסל די פלאץ.

שאינו מדדה מדדה מדדה, די טאנצן פון די פייגלעך, פון די אפרוחים טאנצן ארום זייער קן, זיי גייען נישט קרום אפילו. אויך קרעבס א סוד ווען חסידים טאנצן, מ'מיינט אז זיי זענען גוטע קינדער. יעצט ווילן מיר נישט מאריך זיין אין דעם. ניין, אבער די אפרח איז מורא'דיג מוגבל, ער טאנצט אבער נישט קרום, גראד אין פראנט, איבער פופציג אמה, ער איז זייער לימיטעד.

עד כאן הלכות עופות.

**הלכה ז: הזמנת דגים — ביברים גדולים וקטנים**

יעצט גייט מען לערנען וועגן הזמנת פישן. איז, א מענטש האט מזמן געווען פישן. איז, **דגים שבביברים גדולים** — א ביבר איז א פול, יא? לאמיר זאגן אזא פול וואו מ'האדעוועט פישן. **וכן חיה ועוף שבביברים גדולים**, אדער חיה ועופות וואס האבן גרויסע געיטס, אזעלכע שטאלן, אזעלכע ספעציעלע פלעצער פאר זיי. איז אזוי, **כל שהן מחוסרי צידה עד שאומרים** — מ'רעדט דא א ביבר גדול, א גרויסע. אויב איז נאך מחוסר צידה, אין הלכות צידה האבן מיר געזאגט אזא מין געדאנק. אפילו זיי ליגן דא אין א געוויסע מקום, ער זעט זיי אלע, אבער אויב דארף ער נאך ברענגען א כלי צו כאפן די פיש פון וואס איז אין די ביבר, **עד שאומרים "הבא מצודה ונצודנו"** — וואס וועלן מיר טון? ברענגען א נייע פאנגער, א נייע פיש-כאפער, וועלן מיר עס כאפן. **הרי אלו מוקצה, ואין צדין אותן ביום טוב**, טאר מען נישט.

דאס הייסט מוקצה. ס'טייטש, א דין צידה איז נישט דא, מען מעג מאכן צידה ביום טוב פאר אוכל נפש. נאר וואס דען? דאס הייסט מוקצה, ווייל ס'איז נישט געווען מוכן פאר אים. **ואם צדן**, אויב האט ער עובר געווען און יא גע'צד'ט, **לא יאכלום**, טאר מען זיי נישט עסן וועגן מוקצה.

**אבל כל שאינן צריכין צידה**, אויב אבער איז דער ביבר נישט אזוי גרויס און ער קען פשוט געבן א כאפ אין זיינע הענט, **הרי אלו מוכנין, וצדין אותן ביום טוב ואוכלין אותן**, ווייל צידה איז מותר ביום טוב לצורך אוכל נפש.

**חיה שקיננה בפרדס — ולדות קטנים**

און ער זאגט, **וכן חיה שקיננה בפרדס הסמוך לעיר** — א חיה וואס איז... אינטערעסאנט, מ'זאגט "קיננה", ווייל "קיננה" איז געווענליך פאר פייגלעך. אבער א חיה וואס האט זיך געפאשעטעט אין די פרדס הסמוך לעיר, איז אזוי, **ולדותיה כשהן קטנים שאינן צריכין צידה אינן צריכין זימון**. ס'איז דא א חיה וואס האט קינדערלעך דארטן, מ'רעדט מסתמא, איך ווייס נישט, א הערשל, לאמיר זאגן. די קליינע, וואס... די גרויסע קען אוועקלויפן, אבער די קליינע, אפילו ס'איז אין די פרדס הסמוך לעיר, ס'איז נישט אין זיין רשות, אבער היות ס'איז גרינג זיי צו טרעפן, **אינן צריכין זימון**, אדעתא דהכי, מ'טראכט פון זיי אז דאס איז וואס ער גייט נוצן מארגן.

**הלכה ח: מצודות שפרסן מערב יום טוב**

איין גוט, ווייטער. **מצודות חיה ועופות ודגים שפרסן מערב יום טוב**. מיר האבן געלערנט אין הלכות שבת אז מ'מעג שטעלן ערב שבת א מצודה כדי שיצודו מבעוד יום. איינער האט אוועקגעשטעלט מצודות בערב יום טוב, און יעצט ווייסט ער נישט ווען ס'איז געווארן געפאנגען, צו ס'איז געווארן געפאנגען ערב יום טוב, וואס דעמאלטס איז עס מוכן, אדער ס'איז געווארן געפאנגען אום יום טוב, וואס ס'איז מוקצה. איז די הלכה, מ'דארף מחמיר זיין **ליטול מהם ביום טוב, אלא אם כן יודע שנצודו מערב יום טוב**. אזוי ווי מיר האבן געלערנט מיט די זעלבע כלל, אז א זאך וואס איז ספק מוכן הייסט נישט מוכן, מוכן מיינט אז ס'איז אינגאנצן מוכן.

**סותם אמת המים — חילוק בין מצודה לאמת המים**

**זוכר אמת המים**, איינער פארשטאפט אן אמת המים, ווייל דאס איז זיין וועג פון כאפן די פיש דערפון. ער פארשטאפט אן אמת המים, אזוי אז אלע זאלן בלייבן סטאק, זאל ער נישט אוועקגיין, זאל ער בלייבן מיט די פישן. **ולמחר השכים ומצא בה דגים**, וואלט א מענטש געקענט טראכטן אז ס'איז די זעלבע שאלה, ער ווייסט דאך נישט זיכער ווען ס'איז געווארן סטאק. אבער ניין, די הלכה איז אז מ'מעג יא. **למחר השכים ומצא בה דגים** איז ער יא א רעלי מתירים. פארוואס? **ס'איז געווארן נצודים ערב יום טוב**.

וואנס מ'האט פארשטאפט די אמות המים, הייסט שוין אלע פון זיי געפאנגען. ניין, ווייל ס'איז פשוט. ווייל א מצודה איז א טרעפ. מ'לייגט א טרעפ אין די וואלד, און ס'גייט דאך א חיה, כאפט זיך זיין פוס ארויף, אדער וואטעוועער. די אמת המים, ס'איז נישט קיין נעט וואס ער האט געלייגט אין די אמת המים. ער האט געלייגט אן אמת המים, ס'געבט אריין אין זיין רשות אמת המים. ערגעץ ווי האט ער געגעבן א סטאפ, אלע פיש וואס זענען נאך די סטאפ זענען סטאק, זיי קענען נישט צוריקגיין. ער האט גרייט, ער האט נישט געוואוסט וואו זיי זענען, ער האט זיי נישט געזען, אבער זיי זענען שוין געווען געפאנגען אין די אמת המים. און ער איז שוין געווען אן אופן ווען ער דארף נישט קיין נייע מצודות צו נעמען פון די אמת המים. ס'איז פשוט ווייל ער איז שוין געפאנגען, ס'איז גארנישט געשען יום טוב בעצם.

**הלכה ט: בית שמלא פירות מוכנים — נפחת**

זאגט דער רמב"ם אזוי: **בית שמלא פירות מוכנים**, א הויז וואס איז פול מיט פירות מוכנים, איז ווי לאנג די הויז איז צוגעמאכט, די בית. בית מיינט מען סתם, איך ווייס נישט, א גרויסע באקס, א שטיבל, א מאגאזין וואו מ'האלט סטארעדזש וואו מ'האלט פירות. כל זמן די סטארעדזש איז גאנץ, עפנט מען זיי נישט יום טוב. ס'איז געמאכט געווארן לסחורה אדער איך ווייס נישט. אויב ס'איז לסחורה וואלט עס געווען אסור. ס'מוז זיין אז ס'איז נישט לסחורה, נאר די פארמאכטקייט איז עפעס א פראבלעם. אפשר איז נישט מוכן, ווייל ס'איז פארמאכט. אבער אויב ס'איז געווארן **נפחת** אויף יום טוב, האט איינער געקומען און אויפגעעפנט די בית, געעפנט די באקס, דעמאלטס **נוטל ממקום הפחת**, מעג ער נעמען פון די פלאץ וואו ס'איז אפן, ווייל דאס הייסט מוכן.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "נפחת"?**

ס'הייסט נפחת מיינט מען ערב יום טוב? ניין, אפילו אין יום טוב, דאס איז די חידוש.

וואס פעלט אויס די נפחת? דאס איז די חידוש, די חידוש אז די אוועקגעלייגטקייט פון די הויז מאכט נישט מוקצה. דאס איז וואס פעלט אויס די נפחת? מען מעג עס סתם, מען מעג עס עפענען אויך? מען קען נישט, פראקטיש. וואס, דארף טולס פאר דעם? יא, אפשר טאר מען, איך ווייס נישט. בפשיטות נישט. איינער האט עס צובראכן, ס'איז געקומען א ווינט און ס'איז צובראכן, איך ווייס נישט. אפשר צוברעכן איז א שאלה פון סותר. אבער פשטות סותר איז נישט מותר אויף אוכל נפש. זיי האבן געלערנט, איך מיין, תלוי וואס האט עס געלערנט פריער האבן מיר נישט געזען. אדוני מורי סותר, אהא. רייט, אבער די ווארט איז אז דאס וואס איז פונקט פארמאכט, דאס מאכט עס נישט נישט מוכן. דאס איז די ווארט לכאורה. דאס הייסט, דו וואלסט געקענט זאגן אז פונקט פארמאכט איז א פראבלעם? ניין, פונקט פארמאכט איז א טעכנישע פראבלעם. דארף מען וויסן צו מ'מעג עס עסן יום טוב, צו ס'קומען איין גוי'סט געעפנט, איך ווייס נישט, אווער וואס איז געשען אז ס'איז נפחת, איז עס מותר. נעכט סענס. יא.

**העומד על המוקצה בשנה שביעית**

**בית שמיטה, יא, העומד על המוקצה מערב יום טוב בשנה שביעית**. וואס טוט זיך אזא פאל? בשנה שביעית, שמיטה. שמיטה איז אלעס, מעג א מענטש עסן פון די פירות, אזוי ווי דאטאל הפקר. איז דערפאר שטייט אויף זאכן וואס איז מוקצה מערב יום טוב בשנה שביעית, **שכל הפירות הפקר**. איז העלפט נישט דאס אז ס'איז א הפקר. דארף אויך לעלינען, **צריך שירשם**, דארף ער מאכן א סימן, ער וויל מאכן א רושם,

**הלכה ט (המשך): מוקצה בשנה שביעית**

## Speaker 1:

**העומד על המוקצה מערב יום טוב בשנה שביעית**, וואס טוט זיך אזא פאל? שנת שביעית, שמיטה, שמיטה איז אלעס, מעג א מענטש עסן פון די פירות, אזוי ווי... ס'איז דאך הפקר. איז ממילא שטייט אויף זאכן וואס איז מוקצה מערב יום טוב בשנה שביעית, **שכל הפירות הפקר**, איז העלפט נישט דאס אז ס'איז הפקר. דארף אויך לענינו, **צריך שירשום**, ער דארף מאכן א סימן, ער וועט מאכן א רושם, א סימן, **ויאמר "מכאן ועד כאן אני נוטל"**. ס'טייטשט, ער דארף נאך מער מאכן הכנה ווי געווענליך. ס'קען זיין דאס איז טאקע די ווארט, ווייל ס'איז הפקר און עניבאדי קען עס כאפן.

אויב ס'איז נישט שמיטה, דעמאלטס וואס? דארף מען מעשר'ן אויך, אזוי זאגט ער. מ'טאר דאך נישט מאכן מעשר יום טוב, ס'גייט זיין א פראבלעם. אבער שביעית, אזוי ברענגט ער פון רש"י, איך מיין איך געדענק נישט, אז

שביעית, געוועגליך דארף מען נישט געגוג צו מאכן, ס'איז פארקערט, די ערשטע זאך איז נישט געגוג צו מאכן זומער, פארוואס? מ'דארף דאך מעשר'ן, מ'גייט דאך נישט קענען עסן עניוועיס יום טוב. די מנהלי העלפט נישט אז ס'איז אויפ'ן פעלד, די מנהלי דארף עס ממש אנגרייטן און דארף עס מעשר'ן. אבער שביעית וואס איז הפקר איז דאך פטור פון מעשר, איז ממילא, עס דארף זיין אסאך גרינגער, דארף זיין גוט. ניין, **צריך שירשום**, ער דארף מאכן א סימן, און זאגן **"מכאן ועד כאן אני נוטל". ואם לא רשם לא יטול**, ווייל **אם לא רשם** הייסט עס נישט מוכן. אזוי זעט אויס, רייט.

אינטערעסאנט, דער רמ"א האט אונז נאכנישט געזאגט די עצם הלכה אז מ'טאר נישט מעשר'ן יום טוב, און אז אויב מ'האט עס נישט גע'מעשר'ט איז עס נישט ראוי. אבער, אקעי. לגבי שבת האט ער אונז געזאגט, לגבי שבת, דא מיירי מיום טוב, וכדומה. רייט. יא, אקעי. יא, גייען מיר זען אזא הלכה, אן אינטערעסאנטע הלכה.

---

**הלכה י: גוי שהביא תשורה**

### Speaker 1:

יעצט גייען מיר לערנען ווייטער נאך א סארט נישט מוכן וואס איז געקומען פון... א גוי האט געברענגט. די שאלה איז פון וואו ס'קומט, צו ס'איז חוץ לתחום, אדער ס'איז געווען אן איסור. ס'איז נישט מוכן, ס'איז נישט געווען מוכן. איז אזוי, **גוי שהביא תשורה**, ער האט געברענגט א מתנה. וואס איז דאס די לשון "תשורה"? טרעפסטו עס נאך פלעצער, אדער א מתנה? סתם, איך ווייס נישט. א גוי ברענגט א מתנה **לישראל ביום טוב.** דער גוי ווייסט אז מ'טאר נישט קאכן פאר א גוי, ער ברענגט, ער ברענגט מיט זיך. איז אזוי, איז דאך יעצט די שאלה צו די תשורה, די מתנה וואס ער האט געברענגט, הייסט מוכן אדער נישט. איז דארף מען חושש זיין. איז **אם יש מאותו המין במחובר לקרקע**, אויב ברענגט ער למשל טרויבן, און אין דעם יום טוב איז נאך רוב טרויבן מחובר, ס'איז נאך, איך ווייס נישט, לאמיר זאגן ער ברענגט פסח ווען ס'איז נאך פאר זמן הקציר, ברענגט ער טרויבן, יא? איז **אם יש מאותו המין במחובר לקרקע**, דארף איך מורא האבן אז דער גוי האט עס אראפגעריסן אין יום טוב, און ס'איז נישט געווען מוכן.

אויף די זעלבע זאך, ער האט געברענגט **חיות עופות ודגים**, וואס אפשר האט ער זיי געפאנגען אויף יום טוב, אפשר **ניצודו בו ביום**, נישט אזא סארט וואס איז זייער שווער. ס'קומט פון די ווייטענס, איך ווייס, whatever. דעמאלטס, אין די אלע זאכן, **הרי אלו אסורים עד לערב**, ווייל ס'איז נישט מוכן. און נישט נאר דאס, נאר אויך מוצאי, גייט מען מיט די זעלבע דינים אין הלכות שבת, אז **וימתינן יום טוב בכדי שיעשו**. פון א גוי האט געטון א מלאכה פאר א איד, אה, ער טאר נישט הנאה האבן פון די מלאכה. דאס איז די ווארט, ס'איז געווען דא סדר אדער כתירה פאר די איד. דארף מעןווארטן **מוצאי יום טוב בכדי שיעשו**. אפילו הדס, אפילו אויב דער גוי האט געברענגט זאכן צו שמעקן, ער האט געברענגט הדסים. **כיוצא בו.** טאר מען נישט שמעקן דערין. **אין מריחין בו לערב עד שימתין כדי שיעשו.** כולל חידוש אין זיין, מ'נוצט קוים די הדס ווען מ'שמעקט עס. וואס טייטש אפילו אזא קליינע הנאה ווי שמעקן טאר מען אויך נישט?

**אבל אם אין מאותו המין במחובר**, אויב די פירות איז שוין בדרך כלל אפגעשניטן אין אזא צייט, **או שהביא חיות עופות ודגים**, אוי אנטשולדיגט, **או שהיתה צורתו מוכחת עליו שמא אתמול נעקרו וניצודו**, מ'זעט אויף די פלייש אז ס'איז נישט אזוי פריש, אדער אז מ'האט שוין געפאנגען פון שטיק צייט צוריק. איז אזוי, **אם הביאן בתוך התחום**, סיי ס'איז מוכן און סיי דער גוי האט נישט געטון קיין מלאכה פאר דעם איד, **אבל אם הביאן מחוץ לתחום** איז אין הכי נמי, ס'איז מער נישט קיין פראבלעם אלס מוקצה, אבער ס'איז ווייטער א פראבלעם פון אז דער גוי האט געטון א מלאכה פאר א איד, אז **הרי זה אסור לו**, איז דאס אסור פאר דער איד פאר וועמען ער האט געטון די מלאכה. **אבל אם הביא בשביל ישראל זה מחוץ לתחום איז מותר לישראל אחר.** דאס האט צוטון מיט די הלכה אין הלכות שבת אויכעט, רייט? א צווייטער איד איז נישט אסור וואס מ'האט געטון פאר דער איד, אויב איך געדענק אין הלכות שבת אויכעט די זעלבע הלכה?

**דיסקוסיע: צו דער חילוק פון "מותר לישראל אחר" איז נאר ביי תחומין אדער ביי אלע מלאכות**

### Speaker 2:

געדענקסט? נישט קלאר.

### Speaker 1:

אויך איז אסור לו. דער לו גייט ארויף די אלע הלכות הייסט. אויב איך געדענק נישט, איך געדענק נישט. איז דאס דוקא אויף תחומין אדער אויף אלע זאכן? איך געדענק נישט. איך געדענק נישט. אבער דער לא"ה זאגט דא, ביי תחומין האט ער נישט געזאגט אזוי קלאר ווי... אה, ער זאגט אז דאס איז נאר... וואס איז געשטאנען אין הלכות שבת פרק ה' אויף יענע געגנט? אמירה לעכו"ם?

### Speaker 2:

יא.

### Speaker 1:

א גוי וואס האט געטון מלאכה פאר א איד, לא יהנה, און מותר לישראל אחר. אה, למשל, ס'איז יא געשטאנען ביי חילוק שבת אז אן אנדערע איד מעג עסן. אפשר איז דאס א זאך פאר א מת? איך געדענק נישט אז אן אנדערע איד מעג.

### Speaker 2:

פארוואס?

### Speaker 1:

אבער דו געדענקסט אז מ'טאר נישט?

### Speaker 2:

איך האב נישט געזען, איך געדענק אלעס רעדט זיך פון יענער איד.

### Speaker 1:

סאו איי דאונט נאו, איך מיין אז אפשר אלע הלכות זענען אזוי אז א צווייטער איד מעג. ער זאגט אז נאר תחומין אפשר איז מותר, אבער איך געדענק נישט. ווייל דער רמב"ם האט דאך געדארפט מאכן דעם חילוק דא בתוך אין דעם זעלבן ענין אליין. ער זאגט נישט עד שימתין בכדי שיעשו, איז דארטן וואלט ער געדארפט זאגן פאר דעם איד, מה שאין כן א צווייטער מעג יא? ס'זעט אויס אז נאר לענין תחומין מאכט ער דעם חילוק. דא זאגט ער, **אבל בשביל ישראל זה, מחוץ לתחום מותר לישראל אחר**, פאר א צווייטער איד איז עס יא מותר.

### Speaker 2:

ער מיינט דא פאר א צווייטער איד וואס איז יא אין זיין תחום?

### Speaker 1:

נישט דאס מיינט ער. פאר דער איד וואס איז אינדרויסן פון זיין תחום, איז עס... וואס שלא קצרו וועט נישט זיין קיין חילוק. איך הער, איך ווייס נישט. אקעי, סעיף י"א, יא?

### Speaker 2:

יא.

---

**הלכה יא: עצים שנשרו מן הדקל ביום טוב**

### Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **עצים שנשרו מן הדקל ביום טוב** - האלץ וואס איז געווען מחובר צו די דקל, צו די טייטלבוים ביום טוב, איז אראפגעפאלן. **אסור להסיקן**, טאר מען עס נישט אנצינדן. יום טוב וועגן מיר דאך אנצינדן פייער, אבער דאס טאר מען נישט אנצינדן ווייל מ'טאר נישט הנאה האבן פון

דעם, **מפני שהוא נולד**. פארוואס איז עס נולד? ווייל ביז יעצט איז עס געווען אן עץ מחובר וואס מ'טאר דאך נישט אראפשניידן. אבער דא זעט מען אז דער רמב"ם לשיטתו אז מ'טאר נישט עובר זיין אויף א רגע. א מינוט, מ'וואלט נישט געמעגט אפשניידן קוצר, ווייל מ'וואלט עס געקענט טון ערב יום טוב. פארוואס וואלט מען עס נישט געמעגט אפשניידן?

### Speaker 2:

זיי האבן געלערנט בפירוש אין פרק א' אז מ'טאר נישט. עפעס וואס מ'וואלט געקענט טון א טאג פאר דעם, יא.

### Speaker 1:

ממילא איז עס יעצט געווארן... ניין, ניין, מ'וואלט געקענט אפשניידן מיט דרבנן. זיי האבן געלערנט קלאר אז דאס הייסט נישט קיין מדוכת החול נפש. פאר וואטעווער ריסען, דער רב האט דארט נישט פארשטאנען פארוואס.

### Speaker 2:

אה, אין קוצר אין רייט, אין קוצר אין רייט, אין קוצר אין רייט. מ'טאר נישט שניידן, יא.

### Speaker 1:

ממילא יעצט, ווען ס'איז אראפגעפאלן, איז עס יעצט געווארן נולד. יעצט איז עס געווארן עווילעבל. אזוי ווי אן איי וואס איז געווען אין די טשיקן, ס'איז נישט געווען אן איי וואס איז עווילעבל. ס'איז יעצט געווארן עווילעבל. דאס טייטשן עווילעבל.

